## קאַפּיטל עלף

1 איך זאָג דעריבער, האָט דען ג־ט פֿאַרשטויסן
זיין פֿאָלק? חס ושלום! ווארום איך
בין אַ בן ישראל, פֿון אברהמס זאָמען, פֿונם שבט
2 בנימין. ג־ט האָט נישט פֿאַרשטויסן זיין פֿאָלק,
וועלכעס ער האָט געקאָנט פֿון פֿריער. אָדער
צי ווייסט איר נישט, וואָס דער פּסוק זאָגט וועגן
אליהו, ווען ער ווענדט זיך צו ג־ט קעגן ישראל,
זאָגנדיק:
3 אָ האר, זיי האָבן געטייט דיינע נביאים, זיי
האָבן צעשטערט דיינע מזבחות, און איך
בין איבערגעבליבן איינער אַליין, און זיי זוכן
מיין נפש. (מלכים א יט, יד.)
4 אָבער וואָס זאָגט אים דאָס קול פֿון ג־ט?
איך האָב מיר איבערגעלאָזט זיבן טויזנט מענער,
וואָס האָבן נישט געבויגן קיין קני צום בעל.
(מלכים א יט, יח.)
5 דעריבער אויך אזוי אין דער איצטיקער צייט איז
דאָ אַן איבערבלייבונג לויט דער אויסוואַל פֿון חסד.
6 אויב אָבער דורך חסד, איז נישט מער פֿון מעשים;
ווייל חסד וואָלט דאַן נישט מער געווען חסד.
7 וואָס דען? וואָס ישראל זוכט, דאָס האָט ער
נישט דערגרייכט, אָבער די אויסדערוויילטע האָבן
עס יאָ דערגרייכט, און די איבעריקע זענען פֿאַרהאַר־
8 טעוועט געוואָרן; ווי עס שטייט געשריבן:
ג־ט האָט זיי געגעבן אַ גייסט פֿון טיפֿן שלאָף,
אויגן, נישט צום זען, און אויערן, נישט
צום הערן, ביז צום הייטיקן טאָג.
(ישעיהו כט, י; דברים כט, ג.)